# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:48
מוצאי שב"ק.....................8:20

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............יחזקאל מ"ב-מ"ג
בבלי.........................יבמות י"ב
ירושלמי..........בבא מציעא י"ג
תוספתא..................מנחות י"ג
רמב"ם.............פרה אדומה י"ג

פרשת צו, ט"ז אדר ב', שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 29 (544)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

הוּא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה, דָאס אִיז דִי עוֹלָה וָואס בְּרֶענְט אוֹיפְ׳ן מִזְבֵּחַ אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן מ"ט), יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ קְלֵיינֶע וֶועלְט פַאר זִיךְ, אַלֶעס וָואס הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, גֶעשֶׁעט אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז אִין אָנְהֵייבּ אִיז דִי וֶועלְט גֶעוֶוען טוּנְקְל אוּן פִינְסְטֶער, "וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן לִיכְטִיג, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער פִילְט אַסַאךְ מָאל בַּיי זִיךְ אַז עֶס אִיז טוּנְקְל בַּיי אִים, עֶר פִילְט נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיוּת, עֶר שְׁפִּירְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן. דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען, אַז דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פִילְט אַזוֹי אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וָואס עֶר קֶען דֶעמָאלְט זַייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דָאס אִיז דִי עִיקָר מַעְלָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער אַ מַלְאָךְ, אַז עֶר קֶען אַרַיינְכַאפְּן צוּ טוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז אִים טוּנְקְל אוּן שְׁוַוארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג מַלְאָכִים וָואס בְּרֶענֶען פַאר אִים שְׁטֶענְדִיג אָן אוֹיפְהֶער, דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט קַיין חִידוּשׁ. דֶער קוּנְץ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ שְׁוֶועריקַייטְן, עֶר פִילְט וִוי עֶס אִיז אִים שְׁוַוארְץ פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן כַאפְּט עֶר אַרַיין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַהֲרֹן וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן צַדִיק, עֶר זָאל זָאגְן פַאר דִי אִידְן, זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה, דָאס אִיז דִי וֶועג אַרוֹיף צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הוּא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה, דִי עִיקָר צַייט וֶוען דוּ קֶענְסְט בְּרֶענֶען פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בַּיינַאכְט וֶוען עֶס אִיז דִיר אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל. דַוְקָא דֶעמָאלְט, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ דֶעמָאלְט שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, בִּיסְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז, וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ, אַז דֶער פֵייעֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט בְּרֶענֶען אִין דִיר.

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז דָאס וָוארְט "מוֹקְדָה", שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען ווִיל בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי, נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי גְרֶענִיצְן. דָאס מֵיינְט אַז אַמָאל קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג צוּם מֶענְטְשׁ, עֶר מַאכְט אַז עֶר זָאל וֶועלְן גָאר שְׁטַארְק בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל וֶועלְן טוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען אִיבֶּער זַיינֶע כּוֹחוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר זֶעט נָאכְדֶעם אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, עֶר גֶעבְּט אַלֶעס אוֹיף אוּן טוּט מֶער גָארְנִישְׁט.

דֶערְפַאר שְׁטֵייט "מוֹקְדָה", מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, אַז דָאס בְּרֶענֶען דַארְף זַיין מִיט אַ גְרֶענִיץ, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן אוּן אִיךְ טוּ עֶס. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט מַיין טַלִית וּתְפִלִין, מִיט מַיין עֶסְן כָּשֵׁר׳ס, מִיט מַיין הִיטְן שַׁבָּת, אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרִינְגֶע זַאכְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְדֶעם הֶעלְפְן אַז אַלֶעס וֶועט שׁוֹין נָאכְקוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל זַיין אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל צַו תשס"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שׁוּשַׁן פּוּרִים

אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעפָארְן אוֹיף פּוּרִים צוּם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ. דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה ע"ה. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ לַאנְגֶע אוּן שְׁוֶוערֶע וֶועג צוּ פָארְן, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צַייטְלִיךְ קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. עֶר הָאט פַארְפַאסְט דִי מְגִילָה לֵיינֶען פוּן רֶבִּי'ן דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט.

בַּיינַאכְט וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט בַּיים רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "מַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ - נָתָן, וָואלְט אוֹיךְ גֶעגְלוּסְט אוּן גֶעוָואלְט זִיךְ מִיטְפְרֵייעֶן דָא מִיט אַייךְ, עֶר וֶועט אָבֶּער פַארֶענְדִיגְן דִי שִׂמְחַת פּוּרִים אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים".

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז שְׁפֶּעטֶער אָנְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעקְרֶעכְצְט אַבִּיסְל פַארְ׳ן רֶבִּי'ן אַז זַיין פּוּרִים אִיז אִים גֶעוֶוען צוּשְׁטֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעהֶערִיג פְרֵייעֶן אוּם פּוּרִים, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים"...

פַארְוָואס אִיז שׁוּשַׁן פּוּרִים אַזוֹי גְרוֹיס? אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים לֵיינְט מֶען דִי מְגִילָה אִין דִי שְׁטֶעט וָואס זֶענֶען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹיעֶר פוּן דִי צַייטְן פוּן יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן. יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן אִיז גֶעוֶוען דֶער תַּלְמִיד פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

רֶבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת אַז אַמָאל אִיז דָא וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן הֵיילִיג אַז דִי תַּלְמִידִים קֶענֶען נִישְׁט אַזוֹיפִיל מְקַבֵּל זַיין פוּן אִים, עֶר אִיז צוּ הוֹיךְ פַאר זֵיי. דַאן קוּמְט אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד אוּן עֶר נֶעמְט דִי לִימוּדִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר גֶעבְּט עֶס אִיבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע, אוּן

<<<<<<

## א גוטווארט

דֶער סוֹד פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז רֶעדְן שֵׁיין, רֶעדְן וֵוייךְ אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. וֶוען דִי וַוייבּ זֶעט וִוי אִיר מַאן רֶעדְט צוּ אִיר שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן גִיסְט גוּטֶע וֶוערְטֶער - וֶועט זִי אַלֶעס טוּן פַארְ׳ן מַאן, זִי וֶועט טוּן רְצוֹן בַּעְלָהּ.

עֶס אִיז גְרִינְג צוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, מֶען דַארְף נָאר גֶעדֶענְקֶען דִי דְרֵיי זַאכְן: "רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן גִיסְן גוּטֶע וֶוערְטֶער".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לֶערְן דוּרְךְ דִי פָּאר שׁוּרוֹת, קוּק וָואס דָא שְׁטֵייט; וַוייל אִין דִי פָּאר שׁוּרוֹת לִיגְט דַיין עֶנְטְפֶער, דַיין יְשׁוּעָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּקְרָא תשפ"ב)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שְׁלֶעפּ נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבּ פוּן אִיר צְנִיעוּת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁלֶעפּ נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבּ פוּן אִיר צְנִיעוּת, פְרֵיי זִיךְ אַז זִי ווִיל גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל; וֵויי אוּן בִּיטֶער ווֶערְט וֶוען דִי וַוייבּ הוֹיבְּט אָן זָאגְן אַז דָאס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, יֶענְץ פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס - דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ מַאכְן, וַוייל וֶוען דִי וַוייבּ פַארְלִירְט אִיר גֶעפִיל אִין אֵיידְלְקֵייט - קֶען מֶען אִיר נִישְׁט בַּאצְוִוינְגֶען.

עֶס קוּמֶען צוּ מִיר טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט זֵיי וֵויינֶען צוּ מִיר וָואס זֵיי זָאלְן טוּן, זֵייעֶר וַוייבּ הוֹיבְּט אָן זִיךְ פִירְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף; אָן שְׁטְרוּמְפּ, קוּרְצֶע קְלֵיידֶער וְכוּ' וְכוּ', הַשֵּׁם יְרַחֵם; אַז דַיין וַוייבּ הָאט אַן אָפְּמַאךְ נָאר צוּ גֵיין מִיט אַ גֶעוִוויסֶע סָארְט שְׁטְרוּמְפּ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט לַאכְן פוּן אִיר.

דֶער מַאן דַארְף שְׁטֶענְדִיג זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי וַוייבּ בְּנוֹגֵעַ אִיר צְנִיעוּת. נִישְׁט נָאר פַאר דִי וַוייבּ, מֶען דַארְף זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער; דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער גֶעבְּט כֹּחַ מֶען זָאל בְּלַייבְּן גוּט, סֵיי מִיט דִי אִינְגְלֶעךְ, סֵיי מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ. זוּךְ צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט יֶעדְן טָאג פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען דוּ זֶעסְט דַיין קִינְד גְרֵייט אָן נֶעגְל וַואסֶער, זָאלְסְטוּ זָאגְן הוֹיךְ: "מַאמִי, קוּק ווִי וואוֹיל דֶער קִינְד אִיז, עֶר גְרֵייט אָן נֶעגְל וואסֶער"; עֶס קֶען זַיין אַז דִי אֵיין גוּט וָוארְט וָואס עֶר הֶערְט יֶעצְט וֶועט אִים טְרָאגְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער. אַז דוּ זֶעסְט דַיין טָאכְטֶער - זָאלְסְטוּ אִיר גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, זָאג הוֹיךְ: "מַאמִי קוּק ווִי שֵׁיין צְנִיעוּת'דִיג זִי אִיז"; דָאס וֶועט אִיר גֶעבְּן אַ שְׁטַארְקֵייט צוּ בְּלַייבְּן גוּט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיט): "עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאכְנִישְׁט קַיין צַדִּיק עֶר זָאל פַארְגִינֶען אַ צְוֵוייטְן צוּ זַיין אַ צַדִּיק"; אַז דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט בַּיי דֶעם, דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַזַא שְׁטְרוּמְפּ אָדֶער אַ צְוֵוייטֶע סָארְט שְׁטְרוּמְפּ, אוּן דוּ זֶעסְט דַיין וַוייבּ ווִי זִי אִיז שְׁטַארְק צוּ גֵיין נָאר אַזוֹי וְכוּ' - זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן: "אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט אֵיידְלְקֵייט".

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; אִיךְ קוּק גוּט אוֹיף דִיר, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ שְׁרַייבְּן דַיינֶע סְפֵיקוֹת; זַיי נִישְׁט פוּן דִי וָואס הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק צוּ פְרֶעגְן וַוייל אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה טְרַאכְטְן אַז מֶען אִיז צֶעדְרֵייט; עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, וַוייל כָּל זְמַן מֶען פְרֶעגְט, ווִי צֶעדְרֵייט מֶען זָאל זַיין - וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעגְרָאדְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פְּקוּדֵי תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

וֶוען עֲמָלֵק אִיז גֶעקוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דִי אִידְן, הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ אַז עֶר זָאל גֵיין מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט עֲמָלֵק, אוּן יְהוֹשֻׁעַ הָאט טַאקֶע פַארְטְרִיבְּן דֶעם עֲמָלֵק אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ז, י"ג) "וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ אֶת עֲמָלֵק וְאֶת עַמּוֹ לְפִי חָרֶב". אוּן דָאס גֵייט אַזוֹי וַוייטֶער אָן אִין אַלֶע דוֹרוֹת. עֲמָלֵק אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם וָואס קוּמְט מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד, עֶר ווִיל אִים נָאר אַוֶועקְנֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּלְמִיד, אַזוֹי ווִי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן, וָואס זָאל מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דֶעם עֲמָלֵק, אַז עֶר זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אִידְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועגְן אוּן עֵצוֹת ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט עֲמָלֵק, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן אִים.

אוּן דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער כֹּחַ פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט דָאס וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען נוּצְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן שְׁטֶענְדִיג נָאר צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן: "וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר אֲפִילוּ אֵיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת". מִיטְ'ן כֹּחַ פוּן רֶבִּי נָתָן קֶענֶען מִיר מְקַבֵּל זַיין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַ וֶועג אִין לֶעבְּן אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּם שׁוּשַׁן פּוּרִים, מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אוּן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים מִיט זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים אוּן דוּרְךְ זֵיי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן שְׁטֶענְדִיג, אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

## מָארְגְן מָארְגְן נָאר נִישְׁט הַיינְט

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי מִלְחָמָה פוּן עֲמָלֵק (שְׁמוֹת י"ז, ט') אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר יְהוֹשֻׁעַ: "צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק מָחָר" - גֵיי אַרוֹיס אוּן הַאלְט מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק "מָארְגְן". דָאס אִיז דִי עֵצָה פוּן עֲמָלֵק, דִי עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וָואס פְּרוּבִּירְט שְׁטֶענְדִיג אָפְּשְׁטוּפְּן זַאכְן אוֹיף מָארְגְן. "הַיינְט אִיז שׁוֹין סֵיי ווִי נִישְׁט קַיין גוּטֶער טָאג, עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט גוּט הַיינְט, מָארְגְן וֶועסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין". אַ אִיד טָאר זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט לָאזְן פוּן עֲמָלֵק, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אַרַיינְצוּכַאפְּן "הַיינְט" וִויפִיל מֶען קֶען. אֲפִילוּ דֶער טָאג אִיז שׁוֹין כִּמְעַט פַארְבַּיי, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן עֶפֶּעס אַרַיינְצוּכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, אַבִּיסְל תּוֹרָה, אַבִּיסְל תְּפִלָּה, אוּן אַבִּיסְל מִצְוֹת. כָאטְשׁ וִויפִיל מֶען קֶען נָאךְ. וַוייל טַאקֶע "הַיינְט" אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער טָאג וָואס מֶען קֶען נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְקֶערְט, מֶען דַארְף אַרוֹיסְכַאפְּן דִי גֶעוֶוער פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי פַיינְט אוּן עֶס נוּצְן קֶעגְן זֵיי. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ עֲבֵירוֹת, צוּ טוּן זַאכְן קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן דַארְף מֶען אִים אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן... "הַיינְט ווִיל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל כָאטְשׁ בִּיז בַּיינַאכְט, מָארְגְן וֶועלְן מִיר זֶען וַוייטֶער". אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן טַאקֶע מִיט דִי זֶעלְבֶּע עֵצָה. וַוייל אֵיינְמָאל מֶען שְׁטוּפְּט אָפּ אַ זַאךְ, וֶועט מֶען עֶס שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל טוּן שְׁפֶּעטֶער.

מִיר גֶעפוּנֶען דָאס אִין דִי מְגִילָּה (אֶסְתֵּר ה, ד) וֶוען אֶסְתֵּר הָאט גֶעזָאגְט "יָ'בֹא הַ'מֶּלֶךְ וְ'הָמָן הַ'יּוֹם". אִין דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער אִיז מְרוּמָז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען. אֶסְתֵּר הָאט דָא מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ "הַיּוֹם" - טַאקֶע הַיינְט. יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג קֶען מֶען נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן אַז דֶער טָאג אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶער טָאג, הַיינְט קֶען מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן אַחַשְׁוֵרוֹשׁ מִיט הָמָן הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט ווִיסְן וָואס אֶסְתֵּר ווִיל דָא מִיט דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, דַאן הָאט זִי גֶעזָאגְט "וּמָחָר אֶעֱשֶׂה כִּדְבַר הַמֶּלֶךְ" - זִי הָאט גֶענוּצְט דִי עֵצָה קֶעגְן זֵיי, "מָארְגְן" וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זִיךְ צוּהֶערְן צוּ וָואס אִיר הָאט צוּ פַארְצֵיילְן. אוּן מִיט דֶעם הָאט זִי טַאקֶע אוּנְטֶער גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם הָמָן, מָארְגְן הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט זַיין מַפָּלָה, מֶען הָאט גֶעהַאנְגֶען הָמָן אוּן אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ. מִיט דֶעם וָואס שְׁטוּפְּט אָפּ דֶעם יֵצֶר הָרַע אוֹיף מָארְגְן, אוּן מָארְגְן שְׁטוּפְּט מֶען אִים אוֹיף אִיבֶּערְמָארְגְן, דָאס בְּרֶענְגְט זַיין גַאנְצֶע מַפָּלָה.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי חָכְמָה פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּן אַחַשְׁוֵרוֹשׁ (אֶסְתֵּר ט', י"ג) "יִנָּתֵן גַּם מָחָר לַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּשׁוּשָׁן לַעֲשׂוֹת כְּדָת הַיּוֹם" - זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אַז מָארְגְן זָאל מֶען טוּן אִין שׁוּשָׁן אוֹיךְ אַזוֹי ווִי הַיינְט. דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז מָארְגְן וֶועל אִיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע ווִי הַיינְט, אַזוֹי ווִי הַיינְט הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט דֶעם יֵצֶר הָרַע אוֹיף מָארְגְן, דִי זֶעלְבֶּע וֶועל אִיךְ טוּן מָארְגְן אַז אִיךְ וֶועל אִים אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף אִיבֶּערְמָארְגְן.

דָאס אִיז דִי כֹּחַ פוּן שׁוּשַׁן פּוּרִים וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן אָפְּשְׁטוּפְּן דֶעם יֵצֶר הָרַע אוֹיף מָארְגְן, אָבֶּער דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת דָאס זָאלְן מִיר נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן, נָאר דָאס זָאלְן מִיר טוּן הַיינְט. מִיר זָאלְן אוֹיסְנוּצְן יֶעדְן טָאג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיר זָאלְן אַרַיינְכַאפְּן יֶעדְן טָאג גוּטֶע זַאכְן, אוּן דַאן וֶוען מִיר מַצְלִיחַ זַיין אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ עַל יְמֵי הַפּוּרִים הַקְּדוֹשִׁים)

<<<<<< נייעס

נאך מעריב איז דער ראש ישיבה ארויפגעגאנגען הויך אויפ'ן שטאק צו מאכן הבדלה אז יעדער זאל קענען מיטהאלטן. דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ מיט מוזיק, און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די שיינע שבת וואס מען האט מיטגעלעבט.

ביים מלוה מלכה מוצאי שבת קודש איז פארגעקומען דער גרויסער סיום סדר מועד על סדר הש"ס, צו וואס נאך פילע הונדערטער משפחות זענען געקומען צו פארן. פילע הונדערטער אנשי שלומינו מיט זייערע משפחות האבן זיך געפרייט אינאיינעם בשמחת התורה, ווען די גאנצע קהילה סיי די אינגלעך, די טייערע בחורים, די אינגעלייט, און די בעלי בתים, האבן אלע אינאיינעם זוכה געווען במשך די לעצטע צוויי יאר יעדן טאג, טאג איין טאג אויס, צו לערנען א בלאט גמרא, און יעצט זוכה געווען אז מען הייבט שוין אן סדר נשים אין ש"ס.

דער יושב ראש מו"ה מרדכי אינדיג הי"ו האט ארויסגעברענגט וואס ברענגט צוזאם די אלע אידן פון אלע שיכטן, פון אלע עקן וועלט, פון אלע חסידות'ן, דאס איז די גמרא, דאס ברענגט אונז צוזאם. אלע אינאיינעם שעפן חיזוק און הדרכה פונעם זעלבן הייליגן לויטערן קוואל, פון הייליגן רבי'ן. דערנאך האט מען געהערט שטארקע ווערטער פונעם דיין, הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א, וואס האט צוגעברענגט די גמרא וואס זאגט אז מען האט געוויזן פאר די אידן פאר'ן אהיימפארן פון עולה רגל זיין אז די ברויט פון לחם הפנים איז נאך הייס, און די גמרא פירט אויס אז מען האט געזאגט פאר די אידן "ראו חבתכם לפני המקום", האט ער געזאגט אז דאס קומט אונז דערמאנען אז מיר גייען יעצט אהיים, דארפן מיר געבן פאר אונזערע קינדער "ווארעמע ברויט", א ווארעמע שטוב, דורך דעם וואס מיר זאגן זיי "דער אייבערשטער האט ענק ליב".

דערנאך האט מען געהערט זייער א שיינע שמועס פון ראש ישיבה, דער ראש ישיבה האט שטארק גערעדט איבער דריי זאכן, איבער זיך שטארקן צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, בלויז זאגן די ווערטער פון די הייליגע גמרא, איבער דעם אז א איד זאל פרובירן די עצה פון הייליגן רבי'ן צו רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, זיך אויסשמועסן מיט אים ווי מען רעדט מיט א נאנטער פריינט, און אזוי פועל'ן אלע ישועות, און איבער רעדן שיין צו די ווייב, איבער שלום בית. דער ראש ישיבה האט בתוך הדברים ארויסגערופן א בחור וואס האט פאריגע וואך ביי זיין בר מצוה זוכה געווען צו פראווען זיין סיום הש"ס.

הר"ר יעקב לעסער שליט"א האט מסיים געווען מסכת חגיגה, און דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פייערדיגע טאנץ פאר עטליכע מינוט, און געדאנקט דעם אייבערשטן אז מען האט די זכיה צו לערנען די הייליגע תורה. דערנאך האט מען געוויזן א פרעזענטאציע פון בילדער פון די נסיעה פון ראש ישיבה צו די מקומות הקדושים אין אונגארן פאראיאר. און צום לעצט האט דער ראש ישיבה געטיילט פאר'ן גאנצן עולם קליינע גמרות מסכת יבמות, געאייגנט מיטצונעמען אויפן וועג. נאכ'ן בענטשן האט מען זיך ווייטער געפריידט און געטאנצן ביז אין די פריע פארטאגס שעה'ן.

דער געהויבענער שבת האט איבערגעלאזט גאר א שטארקע רושם אויף אלע באטייליגטע, און וועט זיכער זיין א שטארקע חיזוק פאר יעדן אנצוגיין אין עבודת ה' ביתר שאת וביתר עז, יעדער אויף זיין וועג.

**פקודי ה' ישרים משמחי לב!**

***

# שיינע סיום ביים שיעור הלכה אין ישיבה

די וואך מאנטאג נאכט איז פארגעקומען א הערליכע סיום אויף א מקצוע פון הלכות שבת וואס מ'האט יעצט געענדיגט לערנען ביים שיעור הלכה אין ישיבה.

דער שיעור ווערט פארגעלערנט יעדן טאג דורך חשוב'ן מגיד שיעור הרה"ג מו"ה אלחנן חיים רוטה שליט"א, א זון פונעם ראש ישיבה שליט"א, און ווערט מיטגעהאלטן דורך פילע חשובע בחורים, די העלדן פון ישיבה, וואס נוצן אויס די צייט ווי עס דארף צו זיין און זענען זיך משלים בלימוד הלכה.

יעצט ווען מ'האט געענדיגט דורכאקערן נאך א גאנצע מקצוע אין הלכות שבת, מ'האט גע'חזר'ט און ארויסגעקומען מיט תלמידו בידם, האט מען געמאכט א שיינעם סיום ביים ראש ישיבה שליט"א אינדערהיים.

דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט איבער די וויכטיגקייט פון לערנען און קענען הלכה, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט פארלאנגט אז מ'זאל יעדן טאג לערנען הלכה, דאס איז דער יסוד פון א איד, נאר אזוי קען ער וויסן ווי אזוי זיך צו פירן, נישט חס ושלום זיך אוועקצורירן קיין טראפ פון הייליגן שלחן ערוך.

דערנאך האט זיך געמאכט גאר א שיינע שמועס, ווען יעדער פון די פארזאלמטע האט נאכגעזאגט עפעס א ווארט פון הייליגן רבי'ן, דערנאך א ווארט פון הייליגן רבי נתן, און דאן פון רבי נחמן טולטשינער, פון רבי אברהם בן רבי נחמן, און פון מוהרא"ש. גאר שיינע זאכן איז ארויסגעקומען ביים שמועס פון וואס יעדער האט שטארק הנאה געהאט און זיך מחזק געווען.

איינער פון די חשובע לומדי השיעור, החתן משה שמואל שטעסל ני"ו, האט גערעדט אפאר ווערטער, ארויסברענגדיג די שיינקייט פון די הלכה שיעור, ער האט דערמאנט וואס חז"ל זאגן אין מסכת מגילה, "כל הקורא בלא נעימה ושונה בלא זמרה עליו הכתוב אומר וגם אני נתתי להם חוקים לא טובים", לימוד התורה דארף צוגיין מיט א געשמאק, אויב נישט איז עס "לא טובים", דער הלכה שיעור ווערט אבער געלערנט מיט אזא בא'טעמ'טקייט און חיות, איז עס דאך יא "טוב", און ער האט צוגעלייגט בדרך רמז אז עס איז דא אומגעפער טו"ב בחורים וואס האלטן מיט דעם שיעור, מען האט יעצט אנגעהויבן לערנען דעם זיבעצנסטער סימן טו"ב, און דער חשובער מגיד שיעור איז טו"ב יארן, און טראץ זיין יונגן עלטער, לערנט ער פאר די הלכות מיט אזא געשמאק בטוב טעם ודעת כזקן ורגיל.

דער סיום האט זיך געענדיגט מיט א געהויבענע געמיט, די בחורים זענען ארויס מיט שטארקע חיזוק ווייטער ממשיך צו זיין מיט'ן לערנען און זיך משלים זיין אין הלכה.

**אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה בלבד!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# זָאל אִיךְ זִיךְ קְרִיגְן מִיט מַיין מַשְׁגִּיחַ אִין יְשִׁיבָה?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק.

אִיךְ לֶערְן אִין אַ גְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב, אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן בְּעֶרֶךְ צְוֵויי יָאר צוּרִיק, אוּן אִיךְ לֶערְן אִין דִי יְשִׁיבָה דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, אוּן עֶס אִיז דָא בָּחוּרִים דָארְט אִין יְשִׁיבָה, נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶ, וָואס בֶּעטְן מִיר אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט זֵיי דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעלֶערְנְט מִיט אַ חֵלֶק פוּן דִי בָּחוּרִים, אָבֶּער נָאךְ אַפָּאר טֶעג וֶוען דֶער מַשְׁגִּיחַ הָאט עֶס בַּאמֶערְקְט, הָאט עֶר מִיר אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוּן מִיר גֶעוָוארְנְט אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן וֶועט מֶען מִיר אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי, צוּ מַאכְן הַפָּצָה, אָדֶער זָאל אִיךְ אוֹיפְהֶערְן. אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דִי בָּחוּרִים אוֹיבּ זֵיי ווִילְן מַאכְן דֶעם שִׁיעוּר עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, אָבֶער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ז אָדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זוּכְסְטוּ זִיךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען? וָואס זוּכְסְטוּ אָנְצוּרֵייצְן דִי מַשְׁגִּיחִים?!

אַז דוּ ווִילְסְט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה קֶענְסְטוּ דָאס טוּן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי יְשִׁיבָה וואוּ דוּ לֶערְנְסְט, בַּיי דִיר אִין יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן וְכוּ', אִין יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אוּן מַשְׁגִּיחִים; טְשֶׁעפֶּע זִיךְ נִישְׁט, מַאךְ נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן.

דִי אַלֶע בָּחוּרִים וָואס וֵוייְנֶען אַז מֶען הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן זֵייעֶר יְשִׁיבָה צוּלִיבּ בְּרֶסְלֶב - אִיז לִיגְנְט, מֶען וַוארְפְט נִישְׁט אַרוֹיס בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן חַיוּת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען וַוארְפְט אַרוֹיס בָּחוּרִים צוּלִיבּ חוּצְפָּה אוּן עַזוּת; אַז מֶען לַאכְט אִין פָּנִים פוּן דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים - דֶעמָאלְט וַוארְפְט מֶען אַרוֹיס.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי מַחְלוֹקֶת פוּן סְקְוֶועְרֶ'ער חֲסִידִים אוֹיף בְּרֶסְלֶב - אִיז נָאר צוּלִיבּ אַפָּאר בְּרֶסְלֶבֶ'ער עַזוּת פֶּנִימְ'עֶר, גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֹי אַפָּאר בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ מִתְחַצֵּף גֶעוֶוען צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי דָוִד מִסְקְווִירָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן וֶוען זַיין זוּן דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער סְקְוֶועְרֶ'ער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזֶען - הָאט עֶר דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן וְכוּ'; אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן דִי זַאךְ אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט הֶערְן פוּן בְּרֶסְלֶב.

אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אִין בְּרֶסְלֶב אַ לֵץ מִיטְ'ן נָאמֶען... אוּן וֶוען עֶס הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה אַז דִי סַאוְורַאנֶ'ער חֲסִידִים הָאבְּן גֶעשִׁיקְט אַן אֶתְרוֹג פַּאר זֵייעֶר רֶבִּי; יֶענֶע יָאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אֶתְרוֹגִים, זֵיי הָאבְּן גֶעצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט צוּ פַארְשַׁאפְן אַן אֶתְרוֹג פַאר זֵייעֶר רֶבִּי, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג פַּאר טֵייעֶר גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן דָאס אַיינְגֶעפַּאקְט אִין אַ טֵייעֶרֶע קֶעסְטְל אוּן גֶעדִינְגֶען אַ שָׁלִיחַ דָאס צוּ טְרָאגְן קַיין סַאוְורַאן.

אוּנְטֶערְוֶועגְנְס הָאט זִיךְ דֶער שָׁלִיחַ צוּגֶעלֵייגְט, עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ דְרִימְל, דֶערְוַוייל אִיז אַ גוֹי דָארְט אַרִיבֶּער אוּן דֶערְזֶען דֶעם טֵייעֶרְן קֶעסְטְל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֶען וָואס עֶס לִיגְט אִינֶעם טֵייעֶרְן קֶעסְטְל, נָאכְן עֶפֶענֶען אוּן זֶען אַז דָאס אִיז אַ פֵּרִי, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט 'אַז מֶען פַּאקְט אַיין אַ פְרוּכְט אִין אַ טֵייעֶרְן קֶעסְטְל מוּז זַיין דִי פְרוּכְט גָאר אַ זִיסֶע'; עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבִּיסְן אוּן גְלַייךְ אוֹיסְגֶעשְׁפִּיגְן דֶעם בִּיטֶערְן אֶתְרוֹג אוּן דָאס צוּרִיק אַיינְגֶעפַּאקְט אִינֶעם קֶעסְטְל.

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

דֶער שָׁלִיחַ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף, עֶר וֵוייסְט פוּן גָארְנִישְׁט, עֶר בְּרֶענְגְט דֶעם סַאוְורַאנֶ׳ער רֶבִּי אַן אָפְּגֶעהַאקְטְן אֶתְרוֹג, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַּאטְשׁ פַאר דִי סַאוְורַאנֶ׳ער חֲסִידִים. דֶער לֵץ הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיים פֶענְסְטֶער פוּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ער קְלוֹיז, אוּן וֶוען סַאוְורַאנֶ׳ער חֲסִידִים זֶענֶען אַרִיבֶּער הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן: "פִּטּוּם הַקְ[-טוֹרֶת]", יֶעדֶער סַאוְורַאנֶ׳ער חָסִיד הָאט גֶעהֶערְט וִוי אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד שְׁרֵייט: "פִּטּוּם הַקְ[-טוֹרֶת]"; דָאס הָאט אָנְגֶעצִינְדְן דֶעם בִּיטֶערְן פֵייעֶר.

מִיר דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ מַאכְן אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיב דֶעם צַדִּיק - דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף אִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פְּקוּדֵי תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## הונדערטער משפחות לעבן מיט אן אומבאשרייבליכע שבת התוועדות אין ארמון האטעל

די פאפיר איז צו קורץ אפצושרייבן באריכות דעם הערליכן שבת, וואס איז אריבער אויף די אריבער 500 משפחות פון אנשי שלומינו דעם פארגאנגענעם שבת קודש אינעם ארמון האטעל סטעמפארד קאנעטיקוט.

מיר וועלן אבער פרובירן אראפצושרייבן ממש אויפן שפיץ גאפל א שטיקל באריכט פונעם שיינעם שבת, ווי אלע באטייליגטע האבן זיך אויסגעדריקט איז דער שבת געווען צוגעשטעלט אויפן העכסטן סטאנדארט ברוחניות ובגשמיות. אלע האבן ארויסגענומען פונעם שבת א גאר גרויסן תועלת, סיי די עלטערן, סיי קינדער, מענער און פרויען. אלעס איז געווען גאר גוט אהערגעשטעלט. סיי די סעודות, די דרשות, די פראגראמען.

פרייטאג נאכמיטאג האט זיך אנגעהויבן די פלוס פון געסט וואס זענען געקומען צו פארן פון איבעראל, פון אויסלאנד איז געקומען בעיקר א גרויסער עולם פון ארץ ישראל, פון ענגלאנד, און פון קאנאדא. אלע באטייליגטע זענען געווארן זייער שיין אויפגענומען דורך די עסקנים, וואס האבן געגעבן פאר די משתתפים א זעקל מיט א נייע קונטרס "תפילות פאר די אידישע שטוב", תפילות פאר פרויען, אלע גליונות פון די וואך, און נאך פארשידענע זיסווארג און מתנות. די צימערן זענען געווען זייער שיין צוגעגרייט, אזוי אויך איז געווען א גאר געשמאקע טועמיה צוגעשטעלט.

עש"ק ביים זמן זענען די פרויען געגאנגען צינדן לעכט ביים דעזיגנירטע פלאץ, ווי די פרויען האבן אויסגעבעטן ביי די לעכט ערליכע דורות. די קינדער האבן זיך צוזאמגענומען אין די לאבי אונטער די אויפזיכט פון די פילע געטרייע מלמדים און געזונגען שיינע ניגונים לכבוד שבת קודש. דערנאך איז מען אריין אין ביהמ"ד, דער דיין הרה"ג ר׳ יונה זינגער שליט"א האט געדאווענט אווארימע מנחה. דערנאך האט מען געהערט אפאר ווערטער פון ראש ישיבה, וואס האט ארויסגעברענגט אז דער ציל פונעם שבת איז זיך מחזק צו זיין ווייטער צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא. אויך האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט אז יעצט שבת זכור דארף מען געדענקען זיך נישט לאזן פון עמלק וואס וויל מאכן אז אידישקייט זאל ווערן פונעם טפל און מיר זאלן פארגעסן ח"ו פונעם עיקר. דערנאך האט מען געדאווענט א געשמאקע קבלת שבת מיט׳ן בעל תפילה מו"ה מאטי היימליך הי"ו.

נאכ׳ן דאווענען האט מען אויסגערופן אז נאך די סעודה וועט זיין דער באטע, מיט׳ן שלום זכר און וואכנאכט צום בן הנולד ביי מו"ה רפאל פורסט הי"ו, און צום שבע ברכות פון החתן אברהם נ"י בן מו"ה חיים אלי׳ צוויבל הי"ו, עב"ג בת מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו.

די סעודה איז געווארן הערליך אפגעראכטן אין די ריזיגע זאלן, באזונדער פאר די מענער און פאר די פרויען, פאר די קינדער איז געווען אן עקסטערע סעודה, די אינגלעך מיט די מלמדים און די מיידלעך מיט די לערערינס.

דער ראש ישיבה שליט"א איז אריינגעקומען צום באטע אין בית המדרש אום 10:30, מען האט אינאיינעם געזינגען זמירות שבת קודש, עקסטער האט מען געזונגען דעם "מעין עולם הבא" מיט גרויס התעררות, אויך ביי "צמאה נפשי" האט מען זיך שטארק צופייערט. דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט ביים באטע, פארוואס מ׳איז דא, מענטשן זאלן נישט טראכטן פארוואס קום איך, פארוואס קומט ער. ווען משיח וועט קומען וועט ער אויסלערנען אז מ׳זאל קוקן אויף די נקודות טובות פון אידישע קינדער, און א מענטש דארף האלטן פון זיך, האבן אמונה אין אייבערשטן, אין צדיק, און אין זיך, און אזוי מעקט מען אויס דעם עמלק.

אינדערפרי איז נישט געווען קיין שיעור אין ספר פעולת הצדיק, אנשי שלומינו האבן געזען א ביישפיל וואס מיינט העלפן אין שטוב, דער ראש ישיבה איז געווארן פארנומען מיט געבן צו עסן פאר זיינע קליינע קינדער וואס האבן זיך אויפגעוועקט פרי. פאר׳ן דאווענען האבן זיך צוזאם גענומען א גרופע קינדער מיט די מלמדים, און געזאגט תהלים מיט גרויס התעוררות. אום 9:30 איז דער ראש ישיבה אריינגעקומען אין שול צום דאווענען. פסוקי דזמרה האט געדאווענט מו"ה עזרא בוים הי"ו, און צו שחרית איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום עמוד פון וואס דער עולם האט זייער הנאה געהאט. ביים ליינען האט מען צוטיילט די עליות פאר די פילע בעלי שמחה קיין עין הרע.

נאכ׳ן דאווענען איז געווען די ברית לבן מו"ה רפאל פורסט הי"ו, דער עולם האט אויסגענוצט די געלעגנהייט ווען אליהו הנביא קומט אראפ, און זיך אויסגעבעטן בדבר ישועה ורחמים. דערנאך איז געווען צוגעשטעלט א ברייטע קידוש, דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט סיפורי מעשיות, דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט וואס דער רבי זאגט "ווי לאנג דער בלעטל היט אויף דיר, דארפסטו פון גארנישט מורא האבן", אז דאס גייט ארויף אויפ׳ן "בלאט גמרא", ווי לאנג מען האלט זיך מיט די הייליגע גמרא, ווערט מען גערעטעוועט פון אלעם שלעכטס.

דאן איז מען געגאנגען צו די סעודה וואס איז געווען צוגעשטעלט כיד המלך לכבוד שבת בשר ודגים וכל מטעמים, מען האט געזינגען אסאך שיינע זמירות ותשבחות צום אייבערשטן אינאיינעם. נאך די סעודה איז דער ראש ישיבה געגאנגען צו די זאל וואו די אינגלעך האבן געגעסן, און געזאגט מיט זיי תהלים, און געזאגט א הארציגע שמועס, דער ראש ישיבה האט פארציילט מעשיות פון רבי׳ן, און אריינגעלייגט יראת שמים אין די קינדער. דערנאך האט דער ראש ישיבה געטיילט גוטע זאכן פאר די קינדער.

ביי שלש סעודות איז געווען גאר א ווארעמע שמועס פון ראש ישיבה, וואס האט ארויסגעברענגט די גרויסע עת רצון וואס ווערט אין הימל ווען א איד זאגט פארקן אייבערשטן אז ער וויל צוריק קומען צו אים, און ווי שטארק דער אייבערשטערווארט אויף אונז, אז מיר זאלן רעדן צו אים.

<<<<<<


## היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

### סעודת שושן פורים

**דעם מוצאי שבת קודש**

**בשעה 10:00**

**בהיכל בית מדרשינו 27 Skillman St.**

**עס וועט אי"ה זיין א שיינע פארשטעלונג**

**די ווייבער שול וועט אי"ה זיין אפן**

שמחת פורים ושמחת תמיד, הגבאים



## הצלת נפשות

**העלפט ארויס א חשובע היימישע פאמיליע וואס איז אנטלאפן פון אוקריינא צוליב די מלחמה און איז געבליבן מיט גארנישט**

**212-444-9191 #8**

**charidy.com/ukfamily**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **הערשי** (ב"ר עזרא) **בוים** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יואל ראזענבערג** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אליעזר הירשפעלד** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## זייט מתפלל!

פאר ר׳ **יצחק** בן **פייגלא**
פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב


## רוסלאנד-אוקריינא

**חיזוק, דרשות, ניגונים, און בריוו; איבער די אנגייענדע מלחמה אין אוקריינא, וואס דארף זיין אונזער בליק, ווי אזוי האלט מען זיך רואיג**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 6**



## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב לע"נ רחל בת סול ע"ה, הלי בן יצחק ע"ה, ישראל בן רחל ע"ה, ת.נ.צ.ב.ה.